# פרשת אחרי - קדושים ז׳ – י״ג אייר תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת אחרי - קדושים***

בשעות הצהרים נכנסו חברי הנהלת כולל שומרי החומות להזמין את **רבינו שליט״א** למסיבת הדינער לטובת הכולל, המתקיים ביום פסח שני בעיר וויליאמסבורג.

בשעות אחר הצהרים הגיע **כ״ק האדמו״ר מסטראפקוב שליט״א** לביקור אצל **רבינו שליט״א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו״ר מסטראפקוב** (בהתנצלות שהגיע באיחור קצת, שטעו בדרך בואם): עס שטייט אין פרקי אבות (ו-ה) אז איינע פון די קניני התורה איז במיעוט דרך ארץ, וואס איז דאס מיעוט דרך ארץ? רש״י טייטשט, מיעוט דרך ארץ, שלא יהא מצוי עם בני אדם בשוק. עס קען אפשר זיין בדרך צחות, דו זאלסט זיך נישט דרייען אין די דרכים פונעם ארץ. דער פעטער (**הרה״ק רבי מנחם מענדל מסטראפקוב**) זצ״ל האט אמאל גזאגט אויף זיך אליין, אז ער האט זיך אויפגעהאדעוועט ביים **שינאווער רב**, ער איז געווען א יתום, און פון די בר מצוה ביז צו די חתונה, איז ער צוויי מאל ארויס אויף די גאס, ער איז די גאנצע צייט געזעסן ביים **שינאווער רב**. און עס איז געווען א דריטע מאל וואס ער האט געוואלט גיין מיטן **שינאווער רב** אויף א ברית, מיט א וואגן, און דער **שינאווער רב** האט אים געזאגט, דו האסט צייט ווען דו וועסט זיין אזוי אלט ווי איך, זיץ אינדערהיים. עס איז מפורסם, און עס איז געדרוקט[א]. ער האט מקיים געווען דעם במיעוט דרך ארץ, זיך נישט דרייען צופיל אין די גאסן.

**רבינו:** מען זאגט אויף **רבי שמואל וואזנער זצ״ל** אז ער האט געזאגט אויף זיך, אז ווען ער האט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, און ער איז שוין געווען א יאר אין די ישיבה, האט ער נישט געוואוסט ווי אזוי דער בנין זעהט אויס פון אינדרויסן.

**האדמו״ר מסטראפקוב:** איך האב געלערנט ביי״ הרב וואזנער פיר יאר, איך האב עס געהערט פון אים אליין. און ער האט געזאגט, אז עס האט זיך נישט געלוינט ארויסצוגיין. זעהט אויס, אז עס איז געווען קאלט, און עס איז געווען גוים, און דארט אינעם בנין איז געווען אלעס, עס איז געווען א וועשערייי, א קאך, אלעס האט מען געהאט דארט, און עס איז געווען ווארעם, אז עס האט זיך נישט געלוינט, און עס האט זיך נישט געפאדערט אז מען זאל זיך דרייען אינדרויסן.

דער טאטע (**האדמו״ר רבי יחזקאל שרגא ליפשיץ-הלברשטאם זצ״ל מסטראפקוב**) פלעגט צו זאגן א ווערטל, אויף זיין פארשפעטיגונג, אז ער איז נישט געווען פונקטליך. אז ווען עס איז געשעהן דער חטא העגל, האבן זיך חסידים מיישב געווען אז מען קומט נישט פונקטליך. ווייל פונקטליכקייט האט צוגעברענגט צום חטא העגל. - ביים וויענער רב איז יעדע מינוט אויסגערעכנט.

**רבינו:** איך בין נישט אזא פונקטליכער, אבער **הרב וואזנער** איז געווען א פונקטליכער.

**האדמו״ר מסטראפקוב:** ער האט אמאל דערציילט, אז דאס פונקטליכקייט האט ער זיך אויסגעלערנט, ווען דער **גערער רבי**, דער **אמרי אמת זצ״ל**, איז אמאל געקומען אין די שטאט וויען, און די שטאט איז געלאפן נעמען ברכות, און ער איז אויך געגאנגען. ער איז געווען א יונג קינד, און די עלטערע זענען אריין, און פלוצלינג קומט ארויס דער גבאי, און ער זאגט, מען שפארט צו אום ניין אזייגער. דער רבי לייגט זיך שלאפן צען אזייגער, און ער דארף האבן א שעה הכנה פאר דעם, און ער האט מער נישט

---

[א] מסופר שבשנות המלחמה בעת שהגיע **הרה״ק רבי מנחם מענדל מסטראפקוב זצ״ל** לעיר פרעשבורג, וחיפש למקום מחסה מפני הצוררים הרשעים ימ״ש, וביקש על ידי שליח שיכניסו אותו לבונקער בו הסתתרו כמה יהודים (וביניהם **הגאון רבי מיכאל בער וויסמאנדעל זצ״ל**), והבטיח להם שאם יכניסו אותו לא יאונה להם כל רע. לאחר המלחמה שאלו אותו איך הבטיח בברירות כל כך. וענה שתמך יתידותיו במה שאמר לו זקינו **הרה״ק משינאווא זי״ע** ׳כשתגדל ותזקין במספר שנותי תיסע על העגלה׳, ובהיות שעדיין לא עברתי מספר שנים אלו, הייתי בטוח כי עוד אזכה לשנים אלו... (**רבינו הקדוש משינאווא** ח״ב דף תשנז ע״ש בארוכה).

אריינגעלאזט. און ער האט געהאט עגמת נפש. האט ער זיך נאכדעם געמאכט א חשבון, וואס קען איך ארויסלערנען פון דעם. האט ער זיך דעמאלטס פארגענומען אז ביי אים וועט אויך אזוי זיין, אז זמן שינה וועט זיין צען אזייגער, און ער זאל זיין פונקטליך אין די זמנים אזוי ווי דער **גערער רבי** האט געטון. - איך האב צוגעלייגט דערצו, התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), אינעם פרוזדור האט ער זיך מתקן געווען א תקנה, כדי שתכנס לטרקלין, כדי ער זאל ווערן דער גרויסער גדול. - עס איז א פלא, אז ער איז דאך אוועק ביים 'סדר'.

ער פלעגט אמאל ארויסגיין שפאצירן, און ער האט אלץ מיטגענומען אנדערע בחורים, ער האט געהאט א כוונה דערביי, ער האט געוואלט רעדן פארשידענע זאכן איבער די ישיבה, ווי אזוי עס גייט. און אמאל איז מיר אויך אויסגעקומען מיטצוגיין, האב איך אים דערציילט אז מיין טאטע האט געהאט דעם זעלבן רבי ווי אים. זיי האבן ביידע געלערנט אין אונגווער, ביים **רבי יוסף אלימלך כהנא זצ"ל**. הרב וואזנער פלעגט אים צו רופן, מיין רבי פון צעהלים. און דער **אונגווארער רב** פלעגט צו זאגן, 'לעבט מען מיט א סדר, האט מען צייט אפילו שפאצירן צו גיין, לעבט מען אן א סדר, האט מען נישט קיין צייט אפילו פרישטאג צו עסן'.

*

**האדמו"ר מסטראפקוב:** אונז קען מיר גארנישט געגוג מכיר טובה זיין. די ענין פון הכרת הטוב האט נישט קיין גבולות, אז דער רב קומט אונז מכבד זיין (**רבינו שליט"א** השתתף בעריכת שולחנו בליל שבת קודש).

**רבינו:** עס שטייט דאך (יבמות סב:) המקרב את קרוביו (**האדמו"ר מסטראפקוב** חתנו של **הגה"צ רבי מנחם מענדל שנעבאלג שליט"א** גאב"ד מאנטשעסטער, חתן **הגה"צ רבי משה יהודה לייב עהרענרייך זצ"ל** אב"ד שארמאשאג, בן **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**).

**האדמו"ר מסטראפקוב:** דער ענין פון הכרת הטוב ביים באשעפער איז נישט דא קיין גבולים. ביי די מצוה פון תפלין שטייט אין פסוק (שמות יג-טז) ולטוטפות בין עיניך, און רש"י טייטשט, על שם שהם ארבעה בתים קרוין טוטפות, טט בכתפי שתים, פת באפריקי שתים. [נאכדעם זאגט רש"י, ומנחם חיברו בלשון קודש, הטיפו לשון דיבור, שהרואה אותם קשורים בין העינים, יזכור הנס, וידבר בו]. ביי די פרשה פון קדש לי שטייט, והיה כי יביאך ה' אל ארץ הכנעני והחתי והאמורי והחוי והיבוסי וכו', און ביי די צווייטע פרשה שטייט נאר והיה כי יביאך ה' אל ארץ הכנעני, שטייט נאר כנעני אליין. דער **מלבי"ם** (שם) ברענגט א מכילתא, אז ווען כנען האט געהערט, אז יודען דארפן אריינגיין קיין ארץ ישראל, עמד ופנה מפניהם, איז כנען אוועקגעגאנגען פון זיך אליין, ער גייט נישט מלחמה האלטן מיט יודען, האט דער אייבערשטער געזאגט, ווייל דו האסט אזוי געטון, בין איך דיר מכיר טובה, און איך וועל רופן ארץ ישראל אויף דיין נאמען, עס שטייט נאר והיה כי יביאך ה' אל ארץ הכנעני. ואתן לך ארץ יפה כארץ ישראל, ואיזהו זה אפריקא. קומט אויס, אז אפריקא דאס איז כנעני, ווייל ער האט זיך פונה געווען מעצמו. - די גמרא (סנהדרין צא.) זאגט, אז די בני אפריקיא האבן געהאט א ויכוח אז זיי ווילן צוריק ארץ ישראל, ווייל זיי האבן געהאט א אחוזה אין דעם. - האב איך מוסיף געווען, אז דעם אייבערשטענס הכרת הטוב איז דאך אן א גבול. נישט נאר אז אין די פרשה פון תפלין, רופט עס דער אייבערשטער אן ארץ הכנעני, נאר די נאמען פון די תפלין, איז אויך בלשון אפריקי, פת באפריקי שתים. עס איז א חלק פונעם הכרת הטוב, אז די טוטפות, ווערט אנגערופן בלשון אפריקיא. - ממילא דארף מען ארויסברענגען די הכרת הטוב. עס ווערט געברענגט אז הכרת הטוב האט נישט קיין גבול, עס איז א שטענדיגע זאך וואס מען דארף מכיר טובה זיין.

**בנו הרה"ג רבי דוד צבי הלברשטאם שליט"א:** ביי יעקב שטייט (בראשית מז-כט) ועשית עמדי חסד ואמת, זאגט רש"י חסד שעושין עם המתים הוא חסד של אמת, שאינו מצפה לתשלום גמול. עס שטייט אין רש"י (שם מח-כב) אז בזכות דעם וואס יוסף וועט זיך מטפל זיין מיט יעקב, וועט ער באקומען צוויי שבטים מנשה און אפרים. האט ער דאך באקומען א שכר, פארוואס זאגט מען אז עס איז א חסד של אמת. איך האב געטראכט,

ווען א מענטש טוט יענעם א טובה, וויל ער א גאנץ לעבן צוריק באקומען א טובה פון אים, און וויפיל ער וועט אים געבן איז עס נישט גענוג. דא איז עס א חסד של אמת, ער האט אים צוריקגעגעבן און געענדיגט. אז ער לעבט שוין נישט, קען ער אים נישט געבן נאך.

**האדמו"ר מסטראפקוב:** עס שטייט אין די מפרשים, אז חסד שעושין עם המתים היא 'חסד של אמת', אבער אין פסוק שטייט 'חסד ואמת'. ווייל יעקב אבינו לא מת (תענית ה:), איז עס נישט געווען קיין עושה חסד עם המתים, ער האט נאך געלעבט ווייטער. חסד שעושין עם המתים, דאס איז א 'חסד של אמת', אבער יעקב האט געזאגט, ועשית עמדי 'חסד ואמת', ביידע האבן א קיום.

**האדמו"ר מסטראפקוב הציג את בנו הרה"ג רבי דוד צבי שליט"א שהוא חתן הגאון רבי מאיר בראנסדארפער זצ"ל, מו"ל ספר על הל' מזוזה**

**הרה"ג רבי דוד צבי:** א יוד האט מיר דערציילט, אז דער **סאטמארער רב זצ"ל**, איז אמאל געווען ביי א באזוך ביי **רבי אהרן קאטלער זצ"ל**, און ווען דער **סאטמארער רב** איז ארויס פון צימער, און ער האט געוואלט קושען די מזוזה, האט ער געזעהן אז עס איז נישט דא קיין מזוזה אויף די טיר. האט ער געפרעגט רבי אהרן, וואו איז די מזוזה. האט רבי אהרן געזאגט, אז עס איז א געדינגענע דירה, און איך וואוין נאכנישט אין די דירה דרייסיג טעג, און עס שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן רפו סעיף כב) אז מען לייגט נישט א מזוזה. - אבער למעשה פירט מען זיך אז מען לייגט יא א מזוזה, און דער **סאטמארער רב** האט געזאגט, אז מען זאל לייגען א געבארגטע מזוזה. אויב מען וועט לייגען א אייגענע מזוזה, קען מען נישט שפעטער מאכן א ברכה (עיין **בשו"ת מנחת יצחק** ח"י סימן צג שדן בזה בארוכה ע"ש. ועיין עוד **בשו"ת ויברך דוד** ח"א סימן קיט).

**רבינו:** די וועלט פירט זיך, אז מען לייגט ארויף א מזוזה און מען מאכט נישט קיין ברכה, און נאך דרייסיג טעג טוישט מען די מזוזה פון איין טיר צו א צווייטע טיר, און אזוי ווי עס איז נישט די זעלבע מזוזה, איז מען מחויב צו מאכן א ברכה (עיין **בשו"ת תשורת ש"י** יו"ד סימן קלג). מען דארף נאר אכט געבן, אז מען זאל נישט טוישן פון א טיר וואס איז מחויב מדאורייתא, צו א טיר וואס איז מחויב מדרבנן. אדער פון א גרויס צימער, צו א קליינע צימער וואס האט נישט קיין ד' על ד' (שפטור במזוזה, כמבואר בשו"ע יו"ד סימן רפו סעיף יג), אדער אויב עס האט נישט קיין טיר, נאר א צורת הפתח (לפי שמורידה מקדושתה)[ב].

**הרה"ג רבי דוד צבי:** אין ארץ ישראל איז ליידער דא אסאך קליינע דירות, און רוב טירן וואו מען קומט אריין אין די דירה, איז די הא"ל ווייניגער פון ד' על ד'. ווען א מענטש וויל לייגען א מזוזה ביי זיך אין שטוב, און ער וויל מאכן א ברכה אויפן טיר פון אינדרויסן, איז עס פטור פון א ברכה.

**רבינו:** אלס בית שער איז עס אנדערש ווי יעדע צימער וואס איז פחות מד'.

**הרה"ג רבי דוד צבי:** יא, דער **חמודי דניאל** (מובא **בפתחי תשובה** סימן רפו סקי"א) איז מחדש אז א שער איז מחויב אפילו די צימער איז ווייניגער פון ד'

---

[ב] להשלמת הענין נצטט בזה מתוך השיחה בביקור **הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג שליט"א** האדמור מקאסאן (9 עוו.) באכסניית **רבינו שליט"א** בפאלם ספרינגס (יום ד' פרשת תצוה תשע"ד).

**האדמו"ר מקאסאן:** דא איז נישט קיין פראבלעם מיט די מזוזה (היות שהדירה שייך לישראל, וקבוע בו מזוזה).

**רבינו:** ביי אייך (שנשכר מעכו"ם) איז אויך נישט קיין פראבלעם, ווייל אז מען דארף נישט, דארף מען נישט.

**האדמו"ר מקאסאן:** איך האב געטון אזוי ווי דער **פאפא'ער רב זצ"ל** האט מיר געזאגט נאך מיין חתונה. די הלכה איז (יו"ד סימן רפ"ו סעיף כ"ב) אז ביז דרייסיג טעג איז מען נישט מחוייב ארויפצולייגען א מזוזה. האט ער געזאגט, אז איין מזוזה זאל איך ארויפלייגען תיכף, אן א ברכה, אלץ שמירה. און נאך דרייסיג טעג, זאל איך ארויפלייגען די אנדערע. האב איך דא אויך אזוי געטון, איין מזוזה האב איך ארויפגעלייגט אלץ שמירה. די שאלה וועט זיין נאך דרייסיג טעג.

**רבינו:** וועט איר עס פארדינגען פאר אייער זון (ששהה אתו שם), וועט איר וואוינען ביי א צווייטען.

**והעיר בנו:** דער **חוות דעת** (בסידור דרך החיים) האלט, אז אויב מען איז דארט דרייסיג טעג איז מען גלייך מחוייב.

**רבינו:** אבער מען קען עס פארדינגען יעצט אויך, אפילו פאר די דרייסיג טעג, יוצא צו זיין די שיטה.

איך מיין אז דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, וואו ער איז געפארן, האט ער מיטגענומען מיט זיך אייגענע מזוזות. און אויף די צייט וואס ער איז געווען דארט, האט ער געטוישט אויף זיינע מזוזות.

על ד', אבער קיינער זאגט נישט אז למעשה זאל מען מאכן א ברכה דערויף. עס איז דא אסאך חולקים אויפן **חמודי דניאל**. מען נעמט עס אן לחומרא, אבער אן א ברכה.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת און הצלחה אין אלע ענינים.

*

**האדמו"ר מסטראפקוב** (הראה על א' ממלויו): ער איז א אייניקל פון רבי משה יוסף וויינבערגער ז"ל.

**רבינו:** ער איז געווען א סטראפקובער בעצם, ער איז געווען פון די שטאט סטראפקוב. ער האט געהאט א האטעל 'אשל', מיין **טאטע ז"ל** פלעגט צו גיין דארט אין די זומער טעג. - איך וועל דיר נאכזאגן א ווארט, א הלצה, פון דיין זיידען. ער האט געזאגט, אז אין א האטעל דארף מען געבן צו עסן, און צו טרינקען, און צו נעכטיגען. און מען האט זיך אסאך מאל אפגערעדט, ווי דער סדר איז, אז די שטוב איז נישט גוט צו שלאפן, און די עסן איז נישט גענוג, אזוי ווי מען רעדט זיך אפ איבעראל. האט ער געזאגט, אז די וועלט מיינט אז 'אשל' איז די ראשי תיבות, א'כילה ש'תיה ל'ינה, און מען האט טענות אז מען גיט נישט אזויפיל. זאגט ער, איך זאג אז 'אשל' איז די ראשי תיבות, א'ויר ש'מש ל'בנה, און דאס גיב איך בהרחבה.

**רבינו שליט"א כיבדו בספרו החדש**
**על ל"ג בעומר ושבועות ח"ב**

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן ק"ע סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** פרקי אבות די פאריגע וואך איז געשטאנען, הוי מתחמם כנגד אורן של תלמידי חכמים, מען זאל זיך ווארימען אקעגן די פייער פון תלמידי חכמים, והוי זהיר בגחלתן, און מען זאל אכט געבן אין זייערע קוילן, שלא תכוה, אז מען זאל נישט ווערן אפגעבריהט (אבות ב-י). די מפרשים טייטשן, אז פייער דארף מען וויסן ווי אזוי מען שטייט נעבן דעם. פון איין זייט ווארעמט עס, און פון די אנדערע זייט קען מען זיך אפבריען דערפון. מען דארף נישט שטיין צו ווייט, און מען דארף נישט שטיין צו נאנט. שטייט מען צו ווייט, ווערט מען נישט ווארעם, שטייט מען צו נאנט, ווערט מען אפגעבריהט. בשעת מען שטייט כנגד אורן של חכמים זיך מתחמם צו זיין, זיך אנצוווארעמען, דארף מען שטיין אין אזא וועג, אז דו זאלסט קענען מקבל זיין פון דעם חכם וואס דו דארפסט, אבער גיב אכט, שלא תכוה בגחלתן, גיי נישט צו נאנט, טו דיך נישט מקרב זיין מער פון וויפיל מען איז דיר מקרב, כדי דו זאלסט נישט אפגעבריהט ווערן אין זייער גחלת. און די משנה רעכנט אויס, שנשיכתן נשיכת שועל, ועקיצתן עקיצת עקרב, ולחישתן לחישת שרף, וכל דבריהם כגחלי אש, אלע זייערע ווערטער זענען אזוי ווי קוילן פון פייער. - פארוואס רופט ער אן אז זיי זענען א גחלת, זיי זענען קוילן, הוו זהיר 'בגחלתן' שלא תכוה, און כל דבריהם 'כגחלי' אש. פארוואס זאגט ער נישט אז זיי זענען 'אש', זיי זענען פייער, און דו זאלסט אכטונג געבן פון זייער פייער. פארוואס רופט ער עס אן א גחלת.

**דער** פשט דערפון איז, **עס איז דא ערליכע יודען, תלמידי חכמים, וואס זיי זענען ביי זיך ענוים ושפלי רוח. און זיי זענען מוותר אויף זייער כבוד, זיי לאזן זיך טרעטן, זיי זענען נישט מקפיד, זיי זאגן גארנישט.** אזוי ווי מען געפונט ביי משה רבינו, והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג). דאס איז די מדה פון תלמידי חכמים.

**איך** בין געזעסן די פאריגע וואך ביי א ברית צוזאמען מיטן **אונגווארער רב שליט"א**. האט ער מיר געזאגט, אז זיין פאטער האט אים געזאגט, אז פאר ער איז געווארן רב אין זיין ערשטן בית המדרש, [ער האט געהאט א בית המדרש אויף סאוט 5], איז ער געווען ביי **רבי משה פיינשטיין זצ"ל**, האט אים רבי משה געזאגט, איר ווייסט

וואס דאס מיינט צו ווערן א רב? **א רב דארף קענען שלינגען טשוועקעס. און עס איז נישט גענוג אז ער שלונגט די טשוועקעס, נאר ער טאר אפילו נישט ווייזען אז עס שטעכט אים.** עס איז דאפעלט, ער דארף שלונגען, און ער טאר עס אויך נישט ארויסווייזען. - קומט אויס, אז מען זעהט אסאך מאל אז תלמידי חכמים זענען נישט מקפיד, זיי זענען שטיל, זיי זענען סבלנים וכדומה, נעמט מען אסאך מאל עדווענטיט"ש דערויף, און מען נוצט עס אויס, און מען גיט נישט אזוי אכט אויף זייער כבוד.

**פייער** ווייסט יעדער איינער אז עס איז פייער, עס בריהט, און מען ווערט פארברענט. אבער א גחלת, איז דא אמאל א גחלת של מתכת, א גחלת פון אייזען, א הייסע אייזן ווערט אנגערופן א גחלת, וואס מען דערקענט נישט דערויף אז עס איז הייס. א הייסע אייזן קוקט אויס פונקט ווי א קאלטע אייזן. אבער עס האט אין זיך א כח פון אש, וואס מען דערקענט נישט. א גחלת של עץ איז אויך די סדר אז עס ברענט, אבער מיט די צייט ווערט עס אויסגעלאשן, און עס ווערט דערפון גחלים עוממות, מען דערקענט שוין נישט די היץ דערפון. אבער ווען מען גיט נאר אביסל א דריי, אביסל א שטופ, הייבט אן ארויסצוקומען די פייער דערפון. אין הלכות שבת געפונט מען, אז עס איז דא א גזירה שמא יחתה, מען האט גוזר געווען אז ער וועט זעהן אז די קוילן האלטן זיך ביים אויסלעשן, וועט ער געבן א מיש, וועט זיך עס אנצינדען.

**קומט** אויס, אז דער חכם איז נישט דומה צו אש, נאר ער איז דומה צו א גחלת. מען דערקענט נישט אז דער פייער ברענט, ווייל אויסענווייניג קוקט ער אויס ווי א קאלטער שטיקל גחלת. אבער הוו זהיר בגחלתן שלא תכוה, מען דארף אכט געבן, אפילו ווען עס קוקט דיר אויס ווי א גחלת, און אפשר איז עס א אפגעברענטער גחלת, וואס מען דערקענט נישט די אש וואס איז דא אינווייניג, זאל מען אבער וויסען, אז אינווייניג איז כל דבריהם כגחלי אש, און מען דארף אכט געבן בכבודן של חכמים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת מחותנו **הרה"ג רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש (בן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי נפתלי צבי וואקסמאן שליט"א, ראה"כ באבוב-לאנדאן, שהתקיימה בבית המדרש מונקאטש.

*

***יום שני פרשת אחרי - קדושים***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אליעזר דוד פאללמאן** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***יום שלישי פרשת אחרי - קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות אחר הצהרים קבע **רבינו שליט"א** מזוזה בבית משרדו החדש של הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת אחרי - קדושים***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא בבארא פארק. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם פאלל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין **בעלי תוספות** (ריש פ' משפטים), אויפן פסוק (תהלים קמז-יט) מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל. דער אייבערשטער גיט נאר די תורה, צו איינער וואס איז גע'מל'ט, א גוי

קען נישט פארשטיין תורה. כדי מען זאל קענען האבן א השגה אין תורה, דארף מען זיין גע'מל'ט קודם. 'מגיד דבריו', דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, 'ליעקב', פאר איינעם וואס איז נימול אזוי ווי יעקב. עס קען אפשר זיין נאך א ענין פארוואס ער שטעלט צו, אז דער אייבערשטער האט נאר געגעבן די תורה פאר איינעם וואס איז גע'מל'ט.

**מען** געפונט ביי מתן תורה, אז די מלאכים האבן זיך געדינגען פארוואס דער אייבערשטער גיט די תורה פאר יודען. מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו (תהלים ח-ה), וואס איז דער מענטש, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן די תורה. תנה הודך על השמים (שם ח-ב), דער אייבערשטער זאל געבן זיין שיינקייט אין הימל, די מלאכים זאלן האלטן די תורה, פארוואס גיט ער די תורה פאר א בשר ודם אויף די וועלט. - אין פשטות איז די טענה געווען, א מענטש איז א חומר, ער האט א יצר הרע, און ער פאלט אסאך מאל אדורך, פארוואס גיט מען די תורה פאר איינעם וואס זיין עבודה איז נישט אזוי חשוב. א מלאך איז דאך אסאך א שענערען שר פארן אייבערשטען, און ווען ער וועט דינען דעם אייבערשטען איז עס א שענערע עבודה, זאל מען איבערגעבן פאר זיי די תורה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, החזר להם תשובה, ענטפער זיי. האט משה רבינו גענומען די זעלבע טענה, און ער האט עס צוריקגעווארפען פאר זיי, און ער האט זיי געזאגט, כלום יצר הרע יש ביניכם, מען זאל געבן פאר ענק די תורה, ביי ענק איז דא א יצר הרע?! בפשטות איז די פשט, אז די לאו פון לא תגנוב, און אלע עבירות וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה, איז נישט שייך ביי ענק. - משה רבינו האט זיי געזאגט, די חשיבות פון די עבודה איז נישט די זאך וואס מען טוט, נאר די שוועריקייט וואס איז דא צו דינען דעם אייבערשטען, און א מענטש וואס שטרענגט זיך אן, און דינט דעם באשעפער, דאס האט א חשיבות. א זאך וואס קומט אן גרינג, האט נישט קיין חשיבות.

**מלאכים** דינען דעם אייבערשטען, עס איז טאקע אסאך א שענערע עבודה פון וויפיל א בשר ודם קען דינען דעם באשעפער, אבער עס קומט אים אן גרינג, ער האט נישט קיין יצר הרע, קיינער שטערט אים נישט, פארוואס זאל ער נישט דינען דעם אייבערשטען. וכולם פותחים את פיהם בקדושה ובטהרה, ומברכין ומשבחין, עס איז א נאטורליכע זאך. א מענטש, ווייל ער האט א יצר הרע, און ער האט שוועריקייטן, און ער איז זיך מתגבר, און פון דעסטוועגן דאך דינט ער דעם באשעפער, די עבודה האט א חשיבות, און עס איז חשוב'ער פון די עבודה פון די מלאכים אויבן אין הימל. כלום יצר הרע יש ביניכם, ביי ענק איז דען דא א יצר הרע, עטץ האטס נישט קיין יצר הרע, איז ענקער עבודה נישט אזוי חשוב.

**עס** מער מסביר צו זיין אין גשמיות. מען זעהט אמאל וואס מען פארקויפט זייער א שיינעם חפץ. עס האט א טייערע פרייז, ווייל עס איז זייער שיין. אמאל איז דא וואס מען פארקויפט א חפץ וואס איז נישט אזוי שיין ווי דער חפץ, אבער עס איז הענ"ד מעי"ד, עס איז געמאכט געווארן מיט אסאך ארבעט, און אסאך פלאג איז אריינגעלייגט געווארן דערין, און דאס ווערט פארקויפט אסאך טייערער. כאטש ער איז נישט אזוי שיין, אבער לויט די ארבעט וואס איז אריינגעלייגט געווארן דערין, איז עס אסאך חשובער. די מלאכים קענען ארויסגעבן אסאך א שענערן ארבעט פארן אייבערשטען, פון וויפיל מיר געבן. אבער ביים אייבערשטער האט א חשיבות אונזער ארבעט, וואס איז געמאכט געווארן מיט פלאג און מניעות און פון דעסטוועגן דאך דינט מען דעם באשעפער, דאס האט א חשיבות.

**ווי** זעהט מען, אז דאס איז מער חשוב ביים אייבערשטען. מען זעהט אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט א ערלה, און ער האט געהייסען אז מען זאל אראפנעמען די ערלה. אז א מענטש דארף נישט האבן קיין ערלה, האט דער אייבערשטער געקענט באשאפן דעם מענטש מעיקרא, אז ער זאל נישט האבן

קיין ערלה. אין מדרש (תנחומא תזריע ה) שטייט, אז טורנוסרופוס האט געפרעגט רבי עקיבא די קשיא, וואס איז חשוב'ער, מעשה ידי אדם צו מעשה הקב"ה. האט רבי עקיבא פארשטאנען זיין קשיא וואס ער וויל ארויסברענגען, ער וויל פרעגן פארוואס א מענטש מל'ט זיך, און דער אייבערשטער האט אים נישט גע'מל'ט. האט ער אים געענטפערט, אז מעשה ידי אדם איז חשוב'ער פון מעשה הקב"ה. און ער האט אים געברענגט ראיות דערויף. מעשה הקב"ה האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט דעם מענטש אזוי, אבער מעשה אדם האט דער מענטש אליין געטון, דאס האט א חשיבות.

**ווען** א מענטש מל'ט זיך, אוועקצונעמען די ערלה, די קליפה, די תאוות, ווי אזוי מען זאל עס נאר אפטייטשן, ווען דער אייבערשטער נעמט עס אוועק פונעם מענטש און ער ווערט אזוי באשאפן, דאס האט נישט קיין חשיבות. ווען דער באשעפער גיט אים א ערלה, און דער באשעפער גיט אים תאוות, און דער מענטש איז זיך מתגבר דערויף, און ער איז עס מעביר פון זיך, דאס האט א חשיבות ביים אייבערשטען. - און דאס איז די זעלבע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אונז, און ער האט נישט געגעבן די תורה פאר די מלאכים, ווייל פאר די מלאכים איז עס נישט א עבודה, עס איז נאטורליך אז זיי זאלן דינען דעם אייבערשטען, אבער פאר אונז איז עס א עבודה.

**מגיד** דבריו, דער אייבערשטער האט געגעבן זיין תורה, ליעקב, פאר איינעם וואס איז נימול אזוי ווי יעקב. דאס מיינט, די געדאנק פון מילה ביי יעקב איז דאך, אז דער אייבערשטער האט אים באשאפן מיט א ערלה, און דער מענטש דארף עס מעביר זיין אליין, דאס איז אויך די חשיבות פון תורה. עס איז נישט א זאך וואס ווערט פון זיך אליין, מען דארף זיך פלאגן דערויף, דאס האט א חשיבות.

**מפי** עוללים ויונקים יסדת עוז (תהלים ח-ג), די תורה ווערט אגערופן עוז, אזוי שטייט אין די גמרא (זבחים קטז.). מילה שטייט אין היילינע ספרים איז בגימטריא פ"ה, פינעף און אכציג. 'מפי עוללים ויונקים', פון די מצות מילה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר די עוללים ויונקים, 'יסדת', דאס איז דער יסוד, 'עוז', פון די תורה וואס ווערט אנגערופן עוז. צו ווייזען אז א מענטש ווערט באשאפן מיט פראבלעמען, מיט זאכן וואס טוען אים שטערן פון עבודת ה', און פון דעסטוועגן דאך איז ער זיך מתגבר, און ער דינט דעם אייבערשטען.

*

***יום חמישי פרשת אחרי - קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו ושיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת אחרי - קדושים***

בפרקי אבות דרש **רבינו שליט"א** דברים נפלאים בגודל קדושת התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי. אשר בזכותו אנו נשענים, ובכח קדושתו מגין וממליץ טוב על כל קהל ישראל אפילו לפחותים.

# פרשת אמור י"ד – כ' אייר תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה צמח צדיק ויזניץ (כיתה של הרב **ישראל אהרן** כ"ץ שליט"א) להבחן על פרק ממסכת קידושין.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן ק"ע סעיף י"ד) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז די וואך די הילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, מען זאגט אין די זמירות, ושם נברא מעין לו, וחרוב למאכלו, מה טוב חלקו וחבלו, אדוננו בר יוחאי. די גמרא (שבת לג:) זאגט אזוי, אז רבי שמעון בן יוחאי האט געדארפט אנטלויפן פון די רומיים, און ער האט זיך באהאלטן אין א מערה, און ער האט נישט געהאט וואס צו עסן און וואס צו טרינקען, האט דער אייבערשטער באשאפן א קוואל וואסער, וואס איז אדורכגעגאנגען ביי די מערה, און פון דעם האט ער געהאט צו טרינקען. און דער אייבערשטער האט באשאפן פאר אים א באקסער בוים, וואס פון דעם האט ער געגעסן. און אזוי איז ער געזעסן און געלערנט דרייצן יאר, מיט א אויסערגעווענליכע פרישות פון די וועלט. ווען אונז זאל מיר דארפן עסן באקסער איין וואך, און מען זאל נאך הייסן לערנען א גאנצע וואך, ווי אזוי וואלט עס אויסגעקוקט?! און רבי שמעון האט געלעבט אין א מערה, וואס די מערה איז געווען ווארעם אין זומער, און קאלט אין ווינטער, און מען איז געזעסן אויף די ערד, מען האט נישט געהאט קיין בעט צו שלאפן, און מען האט מקיים געווען כפשוטו, ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה (אבות ו-ד). זיי האבען געהאט נאר איין בגד, און זיי האבן נישט געוואלט אז עס זאל קאליע ווערן, כדי מען זאל עס קענען נוצען צום דאווענען, זענען זיי געזעסן ארומגעגנומען מיט זאמד, און עס איז געווארן לעכער אין זייער גוף, עס איז מבהיל על הרעיון ווי אזוי זיי האבן געלערנט.

**אבער** מען האט עס באצאלט פאר רבי שמעון, שפעטער איז ער אויסגעוואקסען דער הייליגער תנא רבי שמעון, וואס האט מגלה געווען סודות התורה. איך ווייס נישט צו עס איז דא נאך א מענטש וואס איז אזוי מפורסם אין די גאנצע וועלט ווי רבי שמעון. עס זאל זיין נאך איין מענטש וואס זאל האבן אזויפיל מענטשען וואס גייען צו זיין קבר, און זענען דבוק אין אים. די קדושת התורה וואס ער האט געלערנט, האט אים ארויפגעברענגט אויף א געוואלדיגע מדריגה. ווייל אזוי זאגט די משנה, כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה וגו', אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. עס איז נישט נאר אשריך אויף די וועלט, נאר עס איז אויך וטוב לך לעולם הבא, אויף לעולם ועד.

**די** משנה (אבות ו-א) רעכנט אויס די מעלות פון איינעם וואס איז לומד תורה לשמה, ומגלין לו רזי תורה, מען איז אים מגלה די סודות פון תורה, ונעשה כמעין המתגבר, ער ווערט ווי א קוואל וואס איז זיך מתגבר, און ער איז כנהר שאינו פוסק, אזוי ווי א טייך וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. און דאס איז אלעס מקוים געווארן ביי רבי שמעון, ומגלין לו רזי תורה, אלע רזי תורה וואס מיר האבן, איז נתגלה געווארן דורך רבי שמעון, און ער איז געווען א קוואל פון תורה, ער איז געווען א מעין המתגבר. און די סיבה דערפון איז געווען, ווייל רבי שמעון האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע גוף פאר תורה. ווען א מענטש איז זיך מחריב פאר תורה, וואקסט מען אויס אזוי ווי רבי שמעון.

**ווען** מען רעדט פון די מדריגות פון רבי שמעון, זאגט מען, 'ושם נברא', דארט איז באשאפן געווארן, 'מעין לו', ער איז געווארן א קוואל, נעשה כמעין המתגבר, וכנהר שאינו פוסק, ער איז געווארן דער מעין. ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו ווערן א מעין, ווייל 'וחרוב למאכלו', ער האט זיך חרוב געמאכט זיינע מאכלים. ער איז נישט געלעגן אין עסן, ער איז נישט געלעגן

אין עניני גופניים. צו עסן באקסער דרייצן יאר אין איין צו, דאס איז א ריכטיגער חורבן פארן גוף. ווייל עס איז געווען ביי אים חרוב למאכלו, וועגן דעם האט ער זוכה געווען אז ער איז אליין געווארן שפעטער א מעין המתגבר. און מען דארף זיך אפלערנען פון אים, 'מה טוב חלקו וחבלו', ווען א מענטש גיט זיך אוועק פאר תורה, קוק ווי גוט עס איז זיין חלק, 'אדונינו בר יוחאי', אז ער האט זוכה געווען צו אזא מדריגה אז ער האט געזאגט, יכול אני לפטור את העולם מן הדין, ער קען פטר'ן יעדן איינעם, פון ווען ער איז באשאפן געווארן, אלע זיינע טעג קען ער פטר'ן די גאנצע וועלט מן הדין.

**איך** האב געזען שטיין, אז מדת הדין ווערט אנגערופן 'אלקים'. די ראשי תיבות פון אלקי"ם איז, י"כול א'ני ל'פטור ה'עולם מ'ן ה'דין. צו ווייזן אז רבי שמעון בן יוחאי, האט געהאט דעם אלקים אין זיין האנט, ער האט געקענט כובש זיין דעם מדת הדין. און יכול אני לפטור את העולם, ער האט געקענט פטר'ן די גאנצע וועלט, מן הדין. זאל ער זיין א מליץ יושר פארן גאנצן כלל ישראל, און אלע תפלות וואס מען בעהט דארט, זאל אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עדן פאלאס.

אחר הדינער השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי אלעזר יונה גינזבערג שליט"א** אב"ד סוואליווע (בן הגה"צ רבי משולם פייש גינזבורג שליט"א האדמו"ר מחוסט, חתן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א), שהתקיים בבית המדרש קאלוב.

*

***יום שני פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **צבי ארי' פלאם** ע"ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אמור אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו (ויקרא כא-א), די תורה זאגט אן, אז די כהנים בני אהרן, טארן זיך נישט מטמא זיין. און רש"י גיט צו, להזהיר גדולים על הקטנים. ערגעץ אנדערש, ביי אלע מצות אין די תורה, איז נאר א גדול מחויב אין מצות, אבער א קטן איז נישט מחויב. מן התורה איז נישט דא קיין מצוה פון חינוך, עס איז נאר א מצה דרבנן. אבער ביי טומאת כהנים, האט די תורה מזהיר געווען, אז מען דארף אכט געבן אויף די קינדער, אז די קטנים זאלן זיך אויך נישט מטמא זיין. להזהיר גדולים על הקטנים, אפילו זיי זענען נישט קיין בר חיובא, פון דעסטוועגן דאך דארפן זיי אכט געבן פון טומאה.

**מען** זיצט ביי א סעודת בר מצוה, דער בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות. אין אזעלכע שווערע זמנים ווי היינט, דארף מען האבן אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען געהעריג מחנך זיין קינדער לתורתו ועבודתו. אז מען וויל מחנך זיין קינדער, דארף מען שטענדיג דערמאנען די עלטערן, פון וואס פאר א שטוב מען קומט, פון וואס פאר א שטוב מען שטאמט, מיר זענען נישט אזוי ווי אנדערע, מיר דארפן זיך צושטעלן מער, מען קומט פון אזעלכע אבות וואס זענען מיוחסים, דארף מען זיך אנדערש צושטעלן ווי א פשוטער יוד.

**די** משנה (אבות ג-א) זאגט, הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה, דע מאין באת. די פשוטע פשט איז, אזוי ווי די משנה ענדיגט,

מטפה סרוחה. 'דע מאין באת', יעדער מענטש דארף ביי זיך וויסן פון וואו ער קומט, ווער זענען געווען מיינע עלטערן, ווי אזוי האבן זיך געפירט מיינע זיידעס, זיי זענען געשטאנען העכער פון געוועהנליכע מענטשען, און מען דארף זעהן נאכצוגיין אין דעם וועג וואס די עלטערן זענען געגאנגען. אז דו ווילסט זיין נזהר אז דו זאלסט נישט צוקומען לידי עבירה, 'דע', זאלסטו אייביג וויסן, 'מאין באת', פון וואס פאר א שטוב דו קומסט, און דורך דעם וועסטו וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**כהנים** שטאמען דאך פון אהרן קדוש ה', משה ואהרן זענען שקולים זה כנגד זה (שהש"ר ד-ה), אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב), די קינדער פון אהרן האבן אנדערע הלכות ווי אנדערע קינדער. די קינדער פון אהרן קדוש ה' דארפן אכט געבן אפילו זיי זענען קליין, מען דארף זיי אנדערש מחנך זיין, ווי מען איז מחנך אנדערע פונעם כלל ישראל.

**'אמור** אל הכהנים', זאגט פאר די כהנים, אז זיי זאלן שטענדיג געדענקן פון וואס פאר א שטובער זיי קומען, 'בני אהרן', אז זיי זענען קינדער פון אהרן, זיי קענען זיך נישט אויפפירן ווי געוועהנליכע יודען פירן זיך. 'לנפש לא יטמא בעמיו', אז מען וועט געדענקען שטענדיג פון וואס פאר א שטוב מען קומט, וועלן זיי זיך נישט מטמא זיין צוזאמען מיט אנדערע.

*

***יום שלישי פרשת אמור***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ניסן אליעזר פראנצויז** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, קדושים יהיו לאלקיהם, די תורה זאגט, אז די כהנים זאלן זיין הייליג פארן אייבערשטען, ולא יחללו את שם אלקיהם, און זיי זאלן נישט מחלל זיין דעם אייבערשטענס נאמען (ויקרא כא-ו). קדושים יהיו לאלקיהם איז זייער א גרויסע מדריגה, מען רעדט דאך נישט פון האלטן די תורה, נאר אז מען זאל זיין קדוש פארן אייבערשטען. ולא יחללו את שם אלקיהם, דאס איז שוין פון די גאר נידריגסטע וואס מען רעדט. עס שטיט אין די גמרא (יומא פו.) אז אפילו אלע עבירות איז דא וואס יום כיפור איז מכפר, און יסורים זענען מכפר, אבער חילול ה' איז די הארבסטע פון אלע. אז מען ווארענט קדושים יהיו לאלקיהם, אז מען זאל זיין קדושים, דארף מען נישט זאגן נאכדעם ולא יחללו שם אלקיהם, אז מען זאל נישט טון די ערגסטע, אז מען זאל נישט מחלל זיין דעם אייבערשטענס נאמען.

**בפשטות**, חילול ה' זאגט די גמרא (שם), ווערט נישט געמאסטן ביי יעדן איינעם אייניג. חילול ה' מיינט, אז מען איז מחלל דעם אייבערשטענס נאמען. אבער אמאל קען זיין ביי א אדם גדול, אז אפילו א קלייניגקייט וואס ער טוט, גייט אריין אין גדר פון חילול ה'. רבי יוחנן האט געזאגט אויף זיך, אז ווען ער גייט ד' אמות אן תפלין און אן תורה, איז עס ביי אים חילול ה'. ד' אמות צו גיין מיינט צען סעקונדעס, עס איז נישט קיין סאך. און ער האט געזאגט, אז ביי אזא סארט יוד וואס ער איז, ווערט עס שוין גערעכנט פאר חילול ה'. די גמרא זאגט, אז א תלמיד חכם וואס צאלט נישט גלייך אין געשעפט, און ער גייט ארויס, און ער וועט באצאלן שפעטער, הייסט עס חילול ה', ווייל אפשר וועט ער נישט באצאלן. דער חילול ה' פון א תלמיד חכם ווערט אנדערש געמאסטן ווי א פשוטער יוד. איז דאך א כל שכן ווען מען רעדט פון קדושים יהיו לאלקיהם, אז מען זאל זיין קדוש פארן אייבערשטען, קומט א עקסטערע אזהרה ולא יחללו את שם אלקיהם. עס מיינט נישט די פשוטע חילול ה', נאר אז זיי זענען קדושים, איז ביי זיי א קלייניגקייט וואס זיי טוען, ווערט עס גערעכנט ביי זיי פאר א חילול ה'. ולא יחללו את שם אלקיהם, אז מען ווערט קדושים דארף מען א עקסטערע אזהרה, אז זיי זאלן נישט טון קיין שום זאך וואס זאל צוברענגען נאכדעם צו א חילול ה'.

**עס** קען זיין לענינינו וואס מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב סו.) אז ווען מען מל'ט א קינד, ווערט ארויפגעלייגט אויפן קינד צוויי שמות פונעם אייבערשטען. דער שם שד"י און דער שם הוי"ה, די צוויי שמות זענען חל אויפן קינד בשעת מען טוט אים מל'ן. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, אני א-ל שד-י, התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א). ווען א יוד זינדיגט גייען אראפ די צוויי שמות פון קדושה, און עס קומט דער שם שט"ן און ס"ם (עיין **בישמח משה** פ' מקץ ד"ה ויאמרו). די צוויי שמות פונעם אייבערשטען ווערן געטוישט. - די צוויי שמות וואס איז חל בשעת ברית מילה, דאס באטרעפט דריי הונדערט און פערציג, דאס איז די מספר פון ש"ם.

**'קדושים** יהיו לאלקיהם', יודען זאלן זיין הייליג פארן אייבערשטען. 'ולא יחללו', און זיי זאלן נישט מחלל זיין, 'את 'שם' אלקיהם', זיי האבן דאך אויף זיך די צוויי שמות, דער שם הוי"ה מיטן שם שד"י, וואס דאס האט מען ארויפגעלייגט אויף יעדן קינד בשעת מען האט אים גע'מל'ט. מען זאל נישט מחלל זיין דעם שם, עס זאל נישט געטוישט ווערן אויף ס"ם און שט"ן, נאר קדושים יהיו לאלקיהם.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם פנחס אייזדארפער** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הווארט של בן הר"ר **חיים זאב שאהנבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי באדענשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא.

*

***יום חמישי פרשת אמור - ל"ג בעומר***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **חיים יהודא פריעד** הי"ו, ושל בן הר"ר **אברהם פריעדמאן** הי"ו.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף אייזענבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **חנני' דוב לייכטאג** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קראלי.

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. אחר שזימרו זמירות וניגונים לכבוד היום, שר **רבינו שליט"א** הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי, ועמד בריקוד בזמר אמר רבי עקיבא. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום (נדפס בגליון דברי תורה).